ק. צעטניק / תל־אביב

# דער מינדעריאַריקער אַלטער קאַצעטלער

— 1 —

צומאַרגנס נאָך דער סעלעקציע איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ. דאָס זענען געווען לעצטע איבערבלייבעכצער פון דייטשע אַרבעטס־לאַגערן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קרעמאַטאָריעס און קיין שום אַנדערע פּאַסיקע באַדינגונגען וואָס זאָלן זיי מאַכן ראוי צו טראָגן דעם נאָמען פון אַ זעלבשטענדיקן דייטשן קאַצעט.

צווישן זיי זענען אויך געווען לעצטע רעשטלעך פון לאַנג שוין ליקווידירטע געטאָס וואָס די דייטשן האָבן געהאַט איבערגעלאָזט כדי זיי זאָלן העלפן אויסגעפינען אוצרות וואָס יידן האָבן מיטגענומען מיט זיך ביים לויפן אין די בונקערס און זיי דאָרט באַגראָבן. ווייל ווער נאָך ווי יידן גופא וועלן וויסן פון די גאונישע המצאות וואָס געטאָ־מוחות האָבן צוגעטראַכט וו צו פאַרשטעקן די פאַרמעגנס. האָבן טאַקע די איבערגעבליבענע יידישע „זוך־קאָמאַנדאָס“ באַגלייט טאָג־טעגלעך די דייטשן, זיי זענען ווי געשולטע שפּיר־הינט געקראָכן פאַראויס אין די פאַרבאַרגנסטע לעכער אונטער די חורבות פון ליידיקן געטאָ, און דאָרט אויסגעשמעקט מיטן שאַרפסטן חוש־הריח פון זייערע נעז — נאָך אַ פּאָר טעג לעבן פאַר זיך.

— 2 —

מאָני איז געלעגן אויפן פּריטש און אַראָפּגעקוקט צו די נייע אָנגעקומענע. דער בלאָק איז יעצט ווידער געווען פול געפּאַקט. די נייע האָבן זיך געדרייט, הונדערטער־הונדערטער. זיי האָבן אויסגעפילט אַלע דורכגענג צווישן די פּריטשן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן: אַ סך לאַגערן איז יעדער פון זיי שוין אַדורכגעגאַנגען, אַ סך פייערן איבערגעקומען, אַ סך טויטן איבערגעשפּרונגען. אָט איז אוישוויץ! דער קאַ־צעט אוישוויץ! צי וועט עס זיי אויך דאָ געלינגען? — —

קומט די באַהאַלטענע צופרידנקייט: „מען לעבט דאָ“! ס'איז די ערשטע רעאַקציע פון העפטלינג אין זיין ערשטן אוישוויץ־טאָג, אויב מען האָט אים נישט גלייך אַוועקגעשיקט אין קרעמאַטאָריע. קיינמאָל איז מאָנין דאָס נישט אָנגעגאַנגען. נאָר יעצט רעגט דאָס אים אויף: וואָס רוישן זיי אַזוי? וואָס פילדערן זיי אַרום מיט דעם איינאָרדענען זיך? צי זעען זיי נישט וו זיי געפינען זיך? דאָ איז דאָך אוישוויץ! דער קאַצעט אוישוויץ!

ער וואָלט זיי געקאָנט זאָגן אַ פּאָר ווערטער. בלויז אַ פּאָר ווערטער. כאָטש אַלטע העפטלינגס דערציילן קיינמאָל נישט פאַר ניי־געקומענע וואָס עס דערוואַרט זיי דאָ. נישט חלילה מחמת רחמנות, נאָר פּשוט, אַן אַלטער העפטלינג האָט נישט קיין אינטערעס פאַר אַזעלכע סענטימענטאַלע שמועסן. ס'איז נישט קיין כבוד פאַר אַן אַלטן העפטלינג זיך אַוועקצושטעלן אויסשמועסן מיט אַ „גרינעם הורן־זון“. אַלטע העפטלינגס קוקן על־פּי־רוב אויף ניי־געקומענע ווי דערוואַקסענע אויף אַ לאַנגווייליקן שפּיל פון קינדער. נאָך אַ קורצער צייט וועט מען זיי סייווי אָדער שלעפּן הינטער די בלאָקן, אָדער זיי וועלן אַוועק מיט די סעלעקציעס. האָס איז דאָ דעריבער פאַראַן צו דערציילן, און מיט וועמען איז דאָ בכלל כדאי זיך אויסצושמועסן? זיי וועלן שוין אַליין קלוג ווערן. אויף דער קופּע, הינטערן בלאָק, וועלן זיך זייערע אויגן שוין אַליין עפענען...

דאָס ערשטע מאָל האָט עס מאָנין יעצט געצויגן אָפּצושטעלן אַזאַ איינעם אינמיטן אַרומפילדערן, און אים אַריינזאָגן אין זיין טומטומדיקן פּנים אַ פּאָר ווערטער. בלויז אַ פּאָר ווערטער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער יעצט געפילט אַ כעס אויף זייער בהמהדיקן אומוויסן. אפשר ווייל צום ערשטן מאָל האָט ער אויך יעצט געפילט אַז כאָטש ער איז אַן אַלטער העפטלינג

— 1 —

צומאַרגנס נאָך דער סעלעקציע איז אָנגעקומען אַ נייער טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ. דאָס זענען געווען לעצטע איבערבלייבעכצער פון דייטשע אַרבעטס־לאַגערן, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע קרעמאַטאָריעס און קיין שום אַנדערע פּאַסיקע באַדינגונגען וואָס זאָלן זיי מאַכן ראוי צו טראָגן דעם נאָמען פון אַ זעלבשטענדיקן דייטשן קאַצעט.

צווישן זיי זענען אויך געווען לעצטע רעשטלעך פון לאַנג שוין ליקווידירטע געטאָס וואָס די דייטשן האָבן געהאַט איבערגעלאָזט כדי זיי זאָלן העלפן אויסגעפינען אוצרות וואָס יידן האָבן מיטגענומען מיט זיך ביים לויפן אין די בונקערס און זיי דאָרט באַגראָבן. ווייל ווער נאָך ווי יידן גופא וועלן וויסן פון די גאונישע המצאות וואָס געטאָ־מוחות האָבן צוגעטראַכט ווו צו פאַרשטעקן די פאַרמעגנס. האָבן טאַקע די איבערגעבליבענע יידישע „זוך־קאָמאַנדאָס" באַגלייט טאָג־טעגלעך די דייטשן, זיי זענען ווי געשולטע שפּיר־הינט געקראָכן פאַראויס אין די פאַרבאָרגנסטע לעכער אונטער די חורבות פון יידיקן געטאָ, און דאָרט אויסגעשמעקט מיטן שאַרפסטן חוש־הריח פון זייערע נעז — נאָך אַ פּאָר טעג לעבן פאַר זיך.

— 2 —

מאָני איז געלעגן אויפן פּריטש און אַראָפּגעקוקט צו די נייע אָנגעקומענע. דער בלאָק איז יעצט ווידער געווען פול געפּאַקט. די נייע האָבן זיך געדרייט, הונדערטער־הונדערטער. זיי האָבן אויסגעפילט אַלע דורכגענג צווישן די פּריטשן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן: אַ סך לאַגערן איז יעדער פון זיי שוין אַדורכגעגאַנגען, אַ סך פייערן איבערגעקומען, אַ סך טויטן איבערגעשפּרונגען. אָט איז אוישוויץ! דער קאַ־צעט אוישוויץ! צי וועט עס זיי אויך דאָ געלינגען? — —

פון די אויפגעריסענע הויזן האָבן צו דעם צוועלפיאָריקן מאָנין אַרויסגעקוקט די ביינער פון זיינע פיס. זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי דינע, געלע שטרויעלעך. זיי האָבן צו אים גערעדט: „מאָני, דו ביסט אַ מוזלמאַן!". ער האָט זיך געשעמט מיט זיין לייב פאַר די נייע. עס האָט אים שרעקלעך וויי געטון די חרפּה. בקרוב וועט ער ליגן הינטערן בלאָק. און אָט די געלע פיס־דרעטלעך וועלן אַרויסשטאַרטשען פון צווישן אַ הויפן טויטע מוזלמענער. קיינער פון די אַלע ערשט־געקומענע וועלן אפילו נישט וויסן אַז דאָס זענען פיס פון איינעם וואָס איז אַמאָל דאָ געווען „פּיפּל" (יינגלעך וועלכע די בלאָק־עלטעסטע האָבן גענוצט צו סעקסועלע צוועקן) אין אַלע בלאָקן פון לאַגער.

ער האָט געפילט אַז ס'איז אים זייער קאַלט. ער האָט

גענג צווישן די פּריטשן. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט מיט פרעגנדיקע אויגן: אַ סך לאַגערן איז יעדער פון זיי שוין אַדורכגעגאַנגען, אַ סך פייערן איבערגעקומען, אַ סך טויטן איבערגעשפּרונגען. אָט איז אוישוויץ! דער קאַ־צעט אוישוויץ! צי װעט עס זיי אויך דאָ געלינ־גען? — —

פון די אויפגעריסענע הויזן האָבן צו דעם צװעלפיאָריקן מאַנין אַרויסגעקוקט די ביינער פון זיינע פיס. זיי האָבן אויסגעזען ווי צוויי דינע, געלע שטרויעלעך. זיי האָבן צו אים גערעדט: „מאַני, דו ביסט אַ מוזלמאַן!“. ער האָט זיך געשעמט מיט זיין לייב פאַר די נייע. עס האָט אים שרעקלעך וויי געטון די חרפּה. בקרוב װעט ער ליגן הינטערן בלאָק. און אָט די געלע פיס־דרעטלעך וועלן אַרויסשטאַרטשען פון צװישן אַ הויפן טויטע מוזלמענער. קיינער פון די אַלע ערשט־געקומענע װעלן אפילו נישט וויסן אַז דאָס זענען פיס פון איינעם וואָס איז אַמאָל דאָ געװען „פּיפּל“ (ייִנגלעך וועלכע די בלאָק־עלטעסטע האָבן גענוצט צו סעקסועלע צוועקן) אין אַלע בלאָקן פון לאַגער.

ער האָט געפילט אַז ס'איז אים זייער קאַלט. ער האָט מער נישט געקאָנט ליגן. ער איז אַראָפּגעקראָכן פון דער פּריטש. אונטן איז געװען אַ געדראַנג און אַ געטומל. די נייע האָבן אויסגעפולט דעם גאַנצן בלאָק. די, וועלכע האָבן זיך געקענט נאָך פון די פריערדיקע לאַגערן, האָבן פּילדערנדיק אויסגעזוכט בשותפותדיקע פּריטשעס. זיי האָבן הויך גערעדט צווישן זיך. אויסגערופן נעמען, אַרויפגעשריגן צו אויבערשטע פּריטשעס און פון אויבן װידער האָבן אַנדערע אַראָפּגעשריגן צו עמעצן, אַז יענער זאָל מער נישט זוכן, זיי האָבן געפונען אַ גוטן פּריטש! אַלע האָבן געפּילדערט. אַלע זענען געװען באַשעפטיקט. אַלע האָבן זיך איינ־געאָרדנט. זיי האָבן דאָ געשאַפן אַרום זיך אַן אויסזען װי זיי װאָלטן געװען מענטשן מיט מענטשלעכע באַדערפענישן. עס האָט פון זיי געשלאָגן אַ שאַרפע, רייצנדיקע לופט, די לופט פון דרויסן.

אין בלאָק איז געהאָנגען דער באַקאַנטער ריח פון ערשט־געקומענע.

דאָס ערשטע מאָל זינט מאָני געפינט זיך אינעם לאַגער האָט ע־ יעצט דערפילט אַ כעס אויף דעם בהמהדיקן אומוויסן פון די נייע. אַן אַ שיעור מאָל האָט ער שוין געזען דעם אָנקום פון אַ נייעם „צוגאַנג“. שטענדיק דאָס זעלבע: ביים ערשטן בליק אויפן אוישװיצער פּלאַנעט

# אַלטער קאַצעטלער

קומט די באַהאַלטענע צופרידנקייט: „מען לעבט דאָ"! ס'איז די ערשטע רעאַקציע פון העפטלינג אין זיין ערשטן אוישוויץ־טאָג, אויב מען האָט אים נישט גלייך אַוועקגעשיקט אין קרעמאַטאָריע. קיינמאָל איז מאַנין דאָס נישט אָנגעגאַנגען. נאָר יעצט רעגט דאָס אים אויף: וואָס רוישן זיי אַזוי? וואָס פילדערן זיי אַרום מיט דעם איינאָרדענען זיך? צי זעען זיי נישט ווו זיי געפינען זיך? דאָ איז דאָך אוישוויץ! דער קאַצעט אוישוויץ!

ער וואָלט זיי געקאָנט זאָגן אַ פּאָר ווערטער. בלויז אַ פּאָר ווערטער. כאָטש אַלטע העפטלינגס דערציילן קיינמאָל נישט פאַר נײַ־געקומענע וואָס עס דערוואַרט זיי דאָ. נישט חלילה מחמת רחמנות, נאָר פּשוט, אַן אַלטער העפטלינג האָט נישט קיין אינטערעס פאַר אַזעלכע סענטימענ־טאַלע שמועסן. ס'איז נישט קיין כבוד פאַר אַן אַלטן העפטלינג זיך אַוועקצושטעלן אויסשמועסן מיט אַ „גרינעם הורן־זון". אַלטע העפטלינגס קוקן על־פּי־רוב אויף נײַ־געקומענע ווי דערוואַקסענע אויף אַ לאַנגווײַ־ליקן שפּיל פון קינדער. נאָך אַ קורצער צייט וועט מען זיי סיווי אָדער שלעפּן הינטער די בלאָקן, אָדער זיי וועלן אַוועק מיט די סעלעקציעס. וואָס איז דאָ דעריבער פאַראַן צו דערציילן, און מיט וועמען איז דאָ בכלל כדאי זיך אויסצושמועסן? זיי וועלן שוין אַליין קלוג ווערן. אויף דער קופּע, הינטערן בלאָק, וועלן זיך זייערע אויגן שוין אַליין עפענען...

דאָס ערשטע מאָל האָט עס מאַנין יעצט געצויגן אָפּצושטעלן אַזאַ איינעם אינמיטן אַרומפילדערן, און אים אַריינזאָגן אין זיין טומטום־דיקן פּנים אַ פּאָר ווערטער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער יעצט געפילט אַ כעס אויף זייער בהמהדיקן אומוויסן. אפשר ווייל צום ערשטן מאָל האָט ער אויך יעצט געפילט אַז כאָטש ער איז אַן אַלטער העפטלינג אין אוישוויץ, איז אָבער זיין גורל יעצט דער זעלבער ווי זייערער. ער איז פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. ער געהערט צו זיי. צוזאַמען מיט זיי וועט ער אַוודאי אַוועק אין קרעמאַטאָריע. אָט דעם טראַנספּאָרט וועט ער נישט איבערלעבן.

פון אַ פּריטש האָט צו אים אַראָפּגעקוקט אַ גרופּע העפטלינגס. זיי האָבן צווישן זיך געשושקעט מיט גרויסע ווײַסלעכע אין די אויגן.

איינעם אינמיטן אַרומפּילדערן, און אים אַריינזאָגן אין זיין טומטום־ דיקן פּנים אַ פּאָר חערטער. בלויז אַ פּאָר חערטער. דאָס ערשטע מאָל האָט ער יעצט געפילט אַ כעס אויף זייער בהמהדיקן אומחיסן. אפשר חייל צום ערשטן מאָל האָט ער אויך יעצט געפילט אַז כאָטש ער איז אַן אַלטער העפטלינג אין אוישוויץ, איז אָבער זיין גורל יעצט דער זעלבער ווי זייערער. ער איז פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. ער געהערט צו זיי. צוזאַמען מיט זיי חעט ער אַחדאי אַחעק אין קרעמאַטאָריע. אָט דעם טראַנספּאָרט וועט ער נישט איבערלעבן.

פון אַ פריטש האָט צו אים אַראָפּגעקוקט אַ גרופּע העפטלינגס. זיי האָבן צווישן זיך געשושקעט מיט גרויסע ווייסלעכץ אין די אויגן, ווי זיי חאָלטן דערזען אַ שרעק־בילד. ער האָט אַרויפגעהויבן צו זיי דעם קאָפּ: ער חאָלט זיי יעצט געקאָנט דערציילן אַזאַ מין מעשה אַז עס חאָלט זיי באַלד פאַרגאַנגען דער חשק זיך צו מיאוסן פון זיין צורה. נאָר דער שטאָלץ פון אַן אַלטן העפטלינג האָט אים אָפּגעהאַלטן זיך אויסצוטענהן מיט זיי. אָט דעם שטאָלץ האָט ער נאָך נישט פאַרלוירן. ער האָט בלויז אַרויפגעוואָרפן אַ פאַראַכטעטן בליק צו דער פולגעפּאַק־ טער פריטש: גרינע צוגענגלער! הורן־זינס! — האָט ער געמורמלט. און געשלעפּט זיך צום אַרויסגאַנג פון בלאָק.

טויזנטער און טויזנטער נייע העפטלינגס האָבן זיך אַרומגעדרייט אינדרויסן. נעכטן איז דאָ געווען ליידיק. מען האָט אַלע פאַרברענט אויפאַמאָל. יעצט איז ווידער איבעראַל פול געפּאַקט. ס'איז אַ געדריי אויף די הויפּט־חעגן און הינטער־וועגן; צחישן די בלאָקן און אין די בלאָקן, אין דער לאַטרינע און לעבן דער לאַטרינע. סוחרים דרייען זיך חידער פאַרפּאָרעטע. גרויסע סוחרים און קליינע סוחרים. עס קוקט דאָ ווידער אויס ווי אין אַמאָליקע רוישיקע צייטן. נאָר דאָס זענען אַלע נייע פרעמדע פּנימער. נישטאָ צו וועמען אַרויסצורעדן אַ חאָרט. ער האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי ער, מאָני, דער אַלטער אוישחיצער העפטלינג, חאָלט פּלוצלינג דאָ אויסגעשפּיגן געוואָרן אין אַ פרעמדן לאַגער אַריין. ווי נישט זיי חאָלטן היינט אָנגעקומען צו אים אין זיין לאַגער, נאָר ער צו זיי, אין זייער לאַגער.

ער האָט זיך געפילט דערשלאָגן און פרעמד.

גרופּן, געקומענע פון איין לאַגער, פון איין געטאָ, האָבן לעבן אים

אַדורכגעשטראָמט. זיי זענען געשטאַנען אין אַלע ווינקלען. לעבן אַלע בלאָקן. אַלע האָבן געהאַט מיט וועמען צו רעדן, און וועגן וואָס צו רעדן. יעדער האָט נאָך געהאַט אַן עמעצן, ווי תמיד אינעם ערשטן טאָג אין אוישוויץ. בלויז ער האָט זיך דאָ געפילט אַ פרעמדער, אַן איינזאַמער. ער איז געווען דער איינציקער „גרינער".

עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ בענקשאַפט צו די געוועזענע סקעלעטן־פּנימער, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, מיט וועלכע ער איז ערשט מיט צוויי טעג צוריק דאָ געווען צוזאַמען. עס האָט זיך אים געבענקט צו די וועלכע האָבן אים געקענט און וועלכע זענען מער נישט דאָ. עס האָט אים געצויגן זיך ווידעראַמאָל צו קאָנען אַוועקשטעלן אין דער ריי נאָך אַ שיסעלע טיי פאַרן שילעווער רב. און ער האָט פּלוצלינג נישט געוואוסט צי עס וואָלט נישט בעסער געווען ווען ער וואָלט צוזאַמען מיט זיי אַוועק אין קרעמאַטאָריע. אפשר וואָלט ער דאָרט געקאָנט זיין מיט זיי צוזאַמען. קיינמאָל איז אים נישט איינגעפאַלן די מחשבה: וואָס אייגנטלעך קומט דאָרט פאָר אין דער קרעמאַטאָריע? ווי אַזוי זעט אויס דאָרט אויס? יעדער האָט מורא פאַר דער קרעמאַטאָריע און קיינער קאָן דיר ניט זאָגן וואָס פּאַסירט מיט די אַלע מענטשן נאָך דער קרעמאַטאָריע. פּאַ (זיין פאָטער) איז אַוועק אויפן אויטאָמאָביל. ער זעט אים יעצט גענוי אַזוי ווי ער האָט אים געזען דעמאָלט. ס'איז דאָך נישט מעגלעך אַז פּאַ איז נאָך דער קרעמאַטאָריע געוואָרן אויס פּאַ. ערגעץ מוז ער דאָך זיין. אויב נישט, וואָלט ער אים דאָך יעצט נישט געקאָנט זען פּונקט אַזוי ווי ער האָט אים געזען פריער.

די נייע העפטלינגס האָבן געשטראָמט איבערן לאַגער אַרויף און אַראָפּ ווי פעדים אין אַ וועב־מאַשין. זייערע פּנימער אַנקומענדיקע אַקעגנ־איבער זיינע אויגן האָבן זיך אַדורכגעפלאָכטן מיט רוקנס וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון זיינע אויגן. ער איז יעצט געשווומען אין אָט דעם אוישוויצער געוועב ווי אַ דעפעקט.

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס אייגנטלעך האָט דער קאָמענדאַנט, רודאָלף העס, דעמאָלט אויף דער באַן־ראַמפּע אים אָפּגעשיידט פון פּאַ. וואָס וואָלט הויסן דעמאָלט געאַרט ווען ער וואָלט אים געלאָזט צוזאַמען מיט פּאַ? פאַרוואָס דווקא אים האָט ער דעמאָלט אויסגעקליבן און דווקא אים אַריינגעשיקט אין לאַגער?

די נייע צוגעגנגלער וואָס שטייען לעבן טויער פון בלאָק הערן פּלוצלינג אויף צו שמועסן צווישן זיך: זיי קוקן שוין ווידער אויף אים! וואָס קוקן זיי? זיי האָבן נאָך נישט געזען קיין מוזלמאַן? וואָס רוקן זיי זיך פון אים אָפּ? זיי מיינען אפשר אַז זיי וועלן דאָ לענגער לעבן? זיי דאַכט זיך אַז אייביק וועלן זיי דאָ האָבן דעם זעלבן פּרצוף וואָס זיי האָבן יעצט, די גרינע! די נייע צוגעגנגלער! די הורן־זינס!..

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן אַראָפּגיין צום אָנהויב פון לאַגער.

איבער זיינע אויגן האָבן זיך אַזוי־געפלאָכטן מיט רוקנס וואָס האָבן זיך דערהייטערט פון זיינע אויגן. ער איז יעצט געשוואומען אין אָט דעם אוישוויצער געוועב ווי אַ דעפעקט.

ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן פאַרוואָס אייגנטלעך האָט דער קאָמענדאַנט, רודאָלף העס, דעמאָלט אויף דער באַן־ראַמפּע אים אָפּגעשיידט פון פאַ. וואָס וואָלט הויסן דעמאָלט געאַרט ווען ער וואָלט אים געלאָזט צוזאַמען מיט פאַ? פאַרוואָס דווקא אים האָט ער דעמאָלט אויסגעקליבן און דווקא אים אַריינגעשיקט אין לאַגער?

די נייע צוגענגלער וואָס שטייען לעבן טויער פון בלאָק הערן פלוצלינג אויף צו שמועסן צווישן זיך: זיי קוקן שוין ווידער אויף אים! וואָס קוקן זיי? זיי האָבן נאָך נישט געזען קיין מוזלמאַן? וואָס רוקן זיי זיך פון אים אָפּ? זיי מיינען אפשר אַז זיי וועלן דאָ לענגער לעבן? זיי דאַכט זיך אַז אייביק וועלן זיי דאָ האָבן דעם זעלבן פּרצוף וואָס זיי האָבן יעצט, די גרינע! די נייע צוגענגלער! די הורן־זינס!..

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אָנגעהויבן אַראָפּגיין צום אָנהויב פון לאַגער.

## — 3 —

דער הינטער־חלק פון גרויסן לאַסט־אויטאָ האָט זיך אויפגעהויבן, אויסגעשיט די לאָדונג און פּאַמעלעך זיך צוריק אויסגעגלייכט.

לעבן דער אָפענער קלאַפּע פון אויטאָמאָביל, אויפן קוכן־פּלאַץ, איז געבליבן ליגן אַ הויכער באַרג קילעריבן. דער אויטאָמאָביל האָט אָפּגעשיט די לאָדונג און צוריק אַרויסגעפאָרן פון לאַגער.

מאָני איז געשטאַנען אָנגעלענט מיט אַ שפּיץ אַקסל אויפן עק פון בלאָק 1. מאָדנע, דער טאָג קוקט אויס אַנדערש בשעת דו זעסט ווי עס פאָרט אַרויס פון לאַגער אַ ליידיקער אויטאָמאָביל. אַן סקעלעטן. דער טאָג קוקט פלוצלינג אויס ווי אַ טאָג, און דער אויטאָמאָביל ווי אַן אויטאָמאָביל. עס גלוסט זיך דיר פלוצלינג פאַרמאַכן די אויגן און פילן אַזעלכעס וואָס דיין נשמה האָט שוין איבערגעלעבט אַמאָל. אַמאָל.

די קאַרטאָפל־שיילער טראָגן האָלצערנע טראַגעס מיט קילעריבן אינעם מאַגאַזין אַריין אָן איבעררייס ווי צוויי רייען מוראַשקעס: די — אַריין מיט פולע טראַגעס, און די — אַרויס מיט ליידיקע טראַגעס. די קאַרטאָפל־שיילער קוקן אויס ווי זיי וואָלטן נישט געהערט צום לאַגער. ווי זיי וואָלטן בלויז געווען אָנגעשטעלטע אין לאַגער. און דאָס אַלץ ווייל

זיי קאָנען עסן קילעריבן וויפל זיי ווילן. װער קאָן זיי דען קאָנטראָלירן בשעת זיי זיצן אַ גאַנצן טאָג און שניידן די קילעריבן ?

פון אַלע זײַטן, אין די װינקלען, שטייען העפטלינגס און קוקן צום קוך־פּלאַץ. זיי װאַרטן. אפשר װעט דערנאָך איבערבלייבן אויף דער ערד אַ שטיקל פּוילעכץ פון אַ קילעריב. זיי קוקן מיט בייזע אויגן אויף יעדן װאָס קומט־צו און שטעלט זיך אויף אַװעק קוקן. זיי קריגן זיך שוין יעצט מיט שטומע בליקן איבער דעם פּאַרפוילטן שטיק קילעריב װעלכן זיי זעען אין דער פאַנטאַזיע אַן איבערגעבליבענעם אויפן פּלאַץ.

אין דעם פּעסל־װאַשעכץ ליגן די צעשניטענע קילעריבן אין צװיי גרויסע באַסיינען גרייט צום אַרײַננעמען צו די זופּן־קעסלען. װען ער קאָן זיך נאָר דאָרט אַרײַנכאַפּן אויף אַ מינוט, טראַכט מאָני, װאָלט ער „אָרגאַניזירט" פאַר זיך אַ שטיק קילעריב פון באַסײַן. ביים בלויזן געדאַנק װעגן אַ געלן שטיק קילעריב הייבן די ציינער אין זיין מויל אָן צו װיינען פון גלוסטונג. אינעם בויך איז דער הונגער שוין טויט. װאָר די ציין ! דער הונגער איז טויזנט־פאַכיק שוידערלעכער װען ער קריכט דיר אַריין אין די צײַן. ס׳איז דעם הונגערס לעצטע פעסטונג, דאָרט גייט־אָן דער לעצטער קאַמף צװישן טויט און לעבן.

קאַפּאָ װאַצעק דרייט זיך מיטן שטעקן לעבן דער קיך. ער גיט אַכטונג אויף דער קופּע קילעריבן. די קאַרטאָפל־שיילער טראָגן געהויפטע טראַגעס מיט גרויסע קילעריבן אינעם מאַגאַזין אַריין. זיי רוען נישט אַ מינוט. צוריקקומענדיק מיט דער ליידיקער טראַגע, װאַרט שוין אַ פולע טראַגע. מאַטשעק, דער פּוילישער אַנטיסעמיט, שטײט מיט אַ קליין שטעקעלע אין האַנט, העלפט־צו אַכטונג געבן און הערט נישט אויף צו שרייען, נאָכקרימענדיק האַלב אויף יידיש : „יידעלעך ! אַרבייט ! אַרבייט ! איי־װיי, איי־װיי, טאַטעלע, מאַמעלע"...

אַ געל שטיקל קילעריב ! אָ, װען ער קאָן יעצט אַרײַנכאַפּן צװישן די ציין אַזאַ געל שטיקל קילעריב. נאָר צופיל אייגן דרייען זיך יעצט לעבן דער קוך. ער האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט דאָס מער נישט געקאָנט צוזען. ער האָט געשלעפּט די פיס װעג־אַרויף צוריק צו די בלאָקן.

עסן־טרעגער האָבן צוריקגעטראָגן צו דער קוך ליידיקע פעסער פון מיטאָג־זופּ, נישטאָ דאָרט מער װאָס אויסצולעקן. אַפילו פון הינטער ... שוין אַלץ אַרומגעלעקט. אין אַלע

אַ געל שטיקל קילעריב! אָ, ווען ער קאָן יעצט אַריינכאַפּן צווישן די ציין אַזאַ געל שטיקל קילעריב. נאָר צופיל אייגן דרייען זיך יעצט לעבן דער קוך. ער האָט זיך אויסגעדרייט. ער האָט דאָס מער נישט געקאָנט צוזען. ער האָט געשלעפּט די פיס וועג־אַרויף צוריק צו די בלאָקן.

עסן־טרעגער האָבן צוריקגעטראָגן צו דער קוך ליידיקע פּעסער פון מיטאָג־זופּ, נישטאָ דאָרט מער וואָס אויסצולעקן. אַפילו פון הינטער די פּאַראַסטעטע רינגען האָבן צינגער שוין אַלץ אַרומגעלעקט. אין אַלע לאַגערן לערנט מען זיך דאָס באַלד אויס. דאָס האַלץ פון די פעסער קוקט אויס פייכט און אויסגענאָגט ווי אַ נאָג־גומי פון אַ קינד וואָס האָט שוין, ברוך השם, אַלע פּאַרנטיקע ציינדלעך. פּלוצלינג האָט מאַנין אויפגעבליצט אַ געדאַנק. ער איז צוגעלאָפן, אָנגעכאַפּט מיט אַן אויסגעשטרעקטער ביינערדיקער האַנט דעם עק פון אַ פאַס. ער העלפט־צו טראָגן.

— אַוועק! אַוועק פון פאַס! נישטאָ גאָרנישט וואָס צו לעקן! — שרייט דער טרעגער צו אים. מאַני הויבט אויף די אויגן צו די פרישע עסן־טרעגער. נייע צוגענגלער! פּלוצלינג געוואָרן מיוחסים אין זיין לאַגער! ער וואָלט זיי יעצט געקאָנט דערציילן ווער ער איז. ער וואָלט זיי בלויז געזאָגט, אַז שטובן־דינסט האָבן אַמאָל געציטערט פאַר אים. ער וואָלט זיי געזאָגט אַז וועז זיי זענען נאָך געווען ערגעץ אוי... דער הורישער פריי, איז ער שוין געווען „פּיפּל“ אין אוישוויץ! ער וואָלט זיי אויך געקאָנט זאָגן: ווי אַזוי מען דאַרף „אָרגאַניזירן“ אַ שטיק קילעריב אין לאַגער. זאָלן זיי זיך לערנען ביי אים; שאַדט נישט, עס וועט זיי צונוצקומען. נאָר וואָס? צי וועט ער זיך אפשר דאָ אַוועקשטעלן אויסשמועסן מיט אַ נייעם צוגענגלער? אָ, אַזוי געפאַלן איז ער נאָך נישט. אָנשטאָט דעם האָבן די ציין זיך ביי אים צונויפגעביסן, און ער האָט דורך זיי אַרויסגעשטשירעט:

— אין דיין מאַמעס מוטער אַריין! צו וועמען רעדסטו, הורן־זון? ווילסט ביי מיר פליען דורכן קוימען?!

הערנדיק אַזאַ געניטן קאַצעטישן נוסח, האָט דער פרישער עסן־טרעגער זיך באַלד דערפילט קליין און נישטיק. בעסער שוויגן. זאָל ער טראָגן דאָס פאַס אויב ער האָט הנאה דערפון. צו לעקן איז סיווי נישטאָ. אַ בעריקנס, זעט מען דאָך אַז דער דאָזיקער אַלטער קאַצעטניק מיינט נישט דאָס טראָגן דאָס פאַס, נאָר ער האָט דערביי אַ באַהאַלטענע כוונה. בעסער אָפּווישן דאָס מויל און שווייגן.

געוויינלעך טראָגט מען אַוועק די פּעסער צו דער פּעסל־וואַשערײַ, מען שטעלט זיי אַוועק לעבן דער טיר. עטלעכע טריט טײַלן דיך אָפּ פֿון באַסיין. אַז עס וועט דיר געלינגען, קאָנסטו אויסשטרעקן די האַנט און אַ כאַפּ טון אַ שטיק קילעריב. דער עיקר מען זאָל נישט באַמערקן דײַן אַרײַנקומען. ער וועט עס דאַרפֿן מאַכן מיט חכמה און אײַנפּאַקן, ווי כלאחר־יד. ער וועט אַפֿילו נישט קוקן צום באַסיין. אייגנטלעך גיבן דאָרט אַלע אַכטונג. גאַנץ מעגלעך אַז די פּעסל־וואַשער וועלן זיך מאַכן נישט־זעענדיק. זיי קענען אים. אפשר וועלן זיי אים וועלן העלפֿן. מ׳מוז ר׳יזיקירן. ער וועט נישט שטיין מיט די נײַע צוגענגלער אויפֿן סעלעקציע־פּלאַץ, אָ, ניין! ער וועט נישט קריכן מיט זיי אין די אויטאָמאָבילן, וואָס פֿירן צו דער קרעמאַטאָריע! דאָס נישט! אַלץ, אַלץ, נאָר דאָס נישט! ער איז נישט זייער גלייכן, די הורישע „קאַקאַ־מאַמעס“!

עסן־טרעגער האָבן אַוועקגעשטעלט פּעסער לעבן אַרײַנגאַנג צו דער פּעסל־וואַשערײַ און באַלד אַנטלאָפֿן כדי נישט אַרײַנצוכאַפּן פֿון ערגעץ מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. אויפֿן קיך־פּלאַץ איז געווען אַ טומל. דזשאַדעק, דער געהילף־קאַפּאָ, איז געשטאַנען מיטן פּעטן בויך אַרויס־געשטופּט איבער די גענידערטע, קוים־פּאַרקנעפּלטע הויזן, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ פּעדער־קישן פֿאַרצויגן מיט אַ שטריק אין דער מיט. די פּעטע אויסגערונדיקטע הענט זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פֿון די קורצע אַרבל ווי אויסגעבעטע באָקסער־הענטשקעס און ער האָט נישט געוווסט וואָס ער זאָל מיט זיי טון. אין דער קאַרטאָפּל־שיילערײַ האַלט ער מיט די הענט די רידלע און שאַרט אינעם באַסיין אַהער־אַהין ווי אַ פּוילער אומרו פֿון אַ זייגער. נאָר דאָ, אונטערן פֿרייען הימל פּילט ער זיך שלעכט. ער זעט אויס ווי אַן אַרויסגעצויגענע פּאָקע פֿון וואַסער. קאַר־טאָפּל־שיילער לויפֿן מיט די טראַגעס הין און צוריק, און מאַטשעק הערט נישט אויף צו שרייען: „איי־ווײ, איי־ווײ, טאַטעלע, מאַמעלע“... מאַטשעק פּלאַצט פֿון עגמת נפש. אַ שאָד וואָס דער קאַפּאָ וואַצעק האָט אים נישט געמאַכט פֿאַר זײַן געהילף. ס׳ציט אים סכנת נפשות צו שלאָגן. ס׳לעבן וואָלט ער אַוועקגעגעבן ווען ער קאָן שלאָגן. פֿריי שלאָגן. פֿאַר אַלעמענס אויגן. ווען נאָר ער וויל און ווען נאָר עס גלוסט זיך אים. אָ, ווען ער וואָלט געווען דער קאַפּאָ פֿון דער קאַרטאָפּל־שיילערײַ!

די עסן־טרעגער האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס פּאַס אויף דער ערד און אַנטלאָפֿן. מאַני האָט עס אַריבערגעקוילערט איבער דער שוועל פֿון דער פּעסל־וואַשערײַ. ער האָט זיך גע׳עסק׳ט אַרום פּאַס. געבויגן עס

שלעכט. ער זעט אויס ווי אַן אַרויסגעצויגענע פּאַקע פון וואַסער. קאַר־טאָפל־שיילער לויפן מיט די טראַגעס הין און צוריק, און מאַטשעק הערט נישט אויף צו שרייען: „איי־ווי, איי־ווי, טאַטעלע, מאַמעלע״... מאַטשעק פּלאַצט פון עגמת נפש. אַ שאָד וואָס דער קאַפּאָ וואַצעק האָט אים נישט געמאַכט פאַר זיין געהילף. ס'ציט אים סכנת נפשות צו שלאָגן. ס'לעבן וואָלט ער אַוועקגעגעבן ווען ער קאָן שלאָגן. פריי שלאָגן. פאַר אַלעמענס אויגן. ווען נאָר ער וויל און ווען נאָר עס גלוסט זיך אים. אָ, ווען ער וואָלט געווען דער קאַפּאָ פון דער קאַרטאָפל־שיילעריי!

די עסן־טרעגער האָט אַראָפּגעשטעלט דאָס פאַס אויף דער ערד און אַנטלאָפן. מאַני האָט עס אַריבערגעקוילערט איבער דער שוועל פון דער פעסל־וואַשעריי. ער האָט זיך גע'עסק'ט אַרום פאַס. געבויגן עס אַהער און אַהין, און געקוקט בשעת מעשה מיט די אויגן אין אַלע זייטן. ביי די פענצטער האָבן די פעסל־וואַשער געריבן די פעסער מיט בעזימ־יעך פון דינע צווייגן. פון אַלע קראַנען האָט געשטראָמט דאָס וואַסער אויף דעם צעמענט־דיל. עס האָט אויסגעזען ווי אין אַ באָד. מאַני האָט זיך אויסגעדרייט מיטן רוקן צום באַסיין, אַ שטייגער דער באַסיין אינ־טערעסירט אים נישט אויף אַ האָר. ער פאָרעט זיך בלויז אַרום דעם פאַס וואָס ער האָט יעצט געבראַכט. אָט שטעלט ער עס אַוועק. אָט שטייט עס שוין. און אָט שטייט עס ווידער נישט. ס'הייסט ער שטעלט עס ערשט יעצט אַוועק, אָט אין דער רגע, האָט ער עס ערשט אַריינגע־בראַכט, און אָט־אָט שטעלט ער עס טאַקע אַוועק. אייגנטלעך שטייט עס שוין. און אויב עס שטייט שוין, טאָ וועמען זוכט ער נאָך דאָ? ער האָט דען עפּעס פאַרלוירן אין דער פעסל־וואַשעריי? ניין, ער זוכט גאָרנישט. ער דרייט בלויז דאָס פאַס פון אַלע זייטן. ער וויל זיך איבערצייגן צי עס שטייט גוט אויף דער ערד. צי עס הינקט נישט אונטער. אַ פאַס איז דאָך אַ טייערע זאַך אינעם לאַגער. אַ פאַס איז נישט אַ העפטלינג. אַ פאַס איז האָלץ! אַ העפטלינג קאָן מען פאַרברענען. צען טויזנט העפטלינגס קאָן מען פאַרברענען, הונדערט טויזנט העפטלינגס קאָן מען פאַרברע־נען, אַ מיליאָן העפטלינגס קאָן מען פאַרברענען. אָבער אַ פאַס! אַ פאַס איז אַ טייערע זאַך! אַלע אינעם לאַגער ווייסן דאָס. נאָר דאָ, אין דער פעסל־וואַשעריי קאָן מען זיך שוין זייער גוט אויס אויף די אַלע ממזרישע שטיק. דאָ איז מען דערצו צוגעוווינט. דאָ מאַכט מען זיך כלומרשט נישט זעענדיק. מען וואַרט. ס'איז אַן אינטערעסאַנטער שפּיל צו קוקן ווי אַ פלייצע פון אַ מוזלמאַן וויל זיך איבערקליגלען. דאָ ווייסט מען אַז באַלד וועט די פלייצע זיך אויסדרייען און אַ ביינערדיקע האַנט וועט

זיך אויסשטרעקן צום באַסיין. דאָ איז עס אַ באַקאַנטע זאַך. ס'איז אַן אַמוזירנדיקער שפּיל אינמיטן דעם לאַנגװײַליקן רײַבן די לײדיקע אויסגענאָגטע פּעסער. שװײַגט מען און מען װאַרט אויף דעם לוסטיקן פינאַל.

פאַרן ס.ס.־מאַן װעלכער דרײַט זיך יעצט גראָד אין דער קעסל־אָפּטײלונג איז אָט די דאָזיקע שפּיל באַזונדערס אינטערעסאַנט. זײַן אויג האָט באַלד דערכאַפּט דאָס רוקנדל פון אַ קלײנעם מוזלמאַן װאָס שטײט געבויגן איבער אַ לערן פאַס; בײגט דאָס פאַס אַהער, בײגט עס אַהין; הײבט עס אויף און שטעלט עס װידער אַװעק. נאָר בײַ יעדער מאַניפּולאַציע קומט ער אויס נענטער און נענטער צום באַסיין קילעריבן.

דער ס.ס.־מאַן שטײט און שװײַגט. ער האָט הנאה. אַ נחת צו זען װי די אַקסעלעך פון דעם באַשעפעניש ציטערן; די אויגן פון אַראָפּגעבויגענעם קעפּל שפּיזן צו אַלע זײַטן, אַ שטײגער אַ פליגעלע װאָס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ שפּינען־נעץ. אינטערעסאַנט װי אַזוי דאָס פליגעלע װעט זיך אַרויספּלאָנטערן. ס'זאָל נאָר עמעצער אין דער פעסל־װאַשערײַ אים נישט פאַרטרײַבן און צוליב דעם קאַליע מאַכן דאָס אינטערעסאַנטע שפּיל. אַ נחת צו זען װי דאָס באַשעפענישל דאָרט כאָװשט־אויס דאָס פאַס צי עס איז דערין חלילה אַ ברעטל נישט צעבראָכן. אַ געטרײַער מוזלמאַן. ער װיל אַ טובה טון דער קיך. ער װיל — —

— האַלט! האַלט! גרײַף־אים, װאַצעק! — שרײַט דער ס.ס.־מאַן צום קאַפּאָ.

מאָניס דינע, באָרװעסע פיס־בײנדעלעך זענען אַנטלויפנדיק געשפּרונגען איבערן לאַגער־װעג װי אַן אַנטרינענדיקע סאַרנע פאַרן נאָכיאָגנדיקן לעמפּערט. ער איז געפלויגן, מיטן שטיק קילעריב געפּרעסט צום האַרצן.

דער ס.ס.־מאַן איז געשטאַנען בײַם עק פון קיך־פּלאַץ, די צװײ שװאַרצע באַשטיװלטע פיס צעשפּרײט, און אונטערגעיאָגט װאַצעקן װי אין אַ היציקן יאַגד.

— גרײַף־אים, װאַצעק! גרײַף־אים!...

מאָני האָט געדריקט דאָס שטיק קילעריב אין דער האַנט און נישט געדענקט דערין. העפטליוגס אויפן הויפּט־שאָסײ האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זײַט, װי שטילע בירגער בשעת פּאָליצײַ יאָגט זיך נאָך אַ באַנדיט װאָס לויפט איבערן גאַס. װוהין לויפט ער? װוהין קאָן מען לויפן אין אױשװיץ? בעסער אַז די עלעקטרישע שטעכל־דראָטן זאָלן אים יעצט אויפכאַפּן.

װאַצעק האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקן, און מאָניס האַלז איז אַרײַן אינעם פאַרורנדעטן הענטל פון שטעקן װי דער קאָפּ פון אַן אויפ־

— גרייף־אים, וואַצעק! גרייף־אים!...

מאַני האָט געדריקט דאָס שטיק קילעריב אין דער האַנט און נישט געדענקט דערין. העפטלינגס אויפן הויפט־שאָסיי האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט, ווי שטילע בירגער בשעת פּאָליציי יאָגט זיך נאָך אַ באַוואָפנטן באַנדיט װאָס לויפט איבערן גאָס. וווהין לויפט ער? װוהין קאָן מען לויפן אין אוישוויץ? בעסער אַז די עלעקטרישע שטעכל־דראָטן זאָלן אים יעצט אויפכאַפּן.

װאַצעק האָט אויסגעשטרעקט דעם שטעקן, און מאַניס האַלז איז אַרײַן אינעם פאַררונדעטן הענטל פון שטעקן ווי דער קאָפּ פון אַן אויפגעכאַפּטן הינטל אין דער בײַטש פון הינט־שלעגער.

געכאַפּט.

וואַצעק האָט אײַנגעקלעמט אַ האַנט אין מאַניס בײַנערדיקן אַקסל־שפּיץ און אים געפירט. ב״ים סוף פון שאָסיי, לעבן קיך־פּלאַץ, שטייט די שוואַרצע פיגור פון ס.ס.־מאַן. די באַשטיוולטע פיס צעשפּרייט, די הענט פאַרפלאָכטן אויף דער ברוסט און וואַרט. רואיק, אומבאַוועגלעך.

װאַצעק האָט געװוּסט וועמען ער פירט יעצט. ער האָט אויך געוווּסט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. ווי ער װאָלט זיך געוואָלט פאַרענטפערן פאַר׳ן אייגענעם געוויסן, פאָרט פירט ער יעצט אַן אַלטן העפטלינג. האָט ער קוקנדיק גלייך פאָראויס, שטיל דורך די ציין אַרויסגעזייט:

— דער שוואַרצער הורן־זון שטייט דאָרט און קוקט...

מאַני האָט געהערט און נישט געהערט. ער האָט נאָך אַלץ געדריקט דאָס שטיק קילעריב צום האַרץ. אַקעגנאיבער זײַנע אויגן איז געוואַקסן די שוואַרצע פיגור פון ס.ס.־מאַן וואָס אַמאָל גרעסער, גרעסער. הינטער דער פיגור איז מער נישט פאַראַן קיין בלאָקן. בלויז האָריזאָנט. די שוואַרצע פיס שטייען צעשפּר״ײט אויף דער ערד, און דער קאָפּ דער־גרייכט ביז צום הימל. װאַצעק האָט שטיל געזייט דורך די ציין:

— האָסט דיך באַנאַרישט, אַלטע קורווע. ווו איז געוועזן ד״ין שכל? האָסט דען נישט געוווּסט אַז בײַם אויסלאָדענען פּראָוויאַנט דרייט זיך דער „שוואַרצער" אין דער קיך?

פון רעכטס האָט זיך געצויגן דער הויפּט־שאָסיי. מיט צוויי טעג צוריק זענען דאָ אַלע געשטאַנען בשעת דער סעלעקציע, די״ זענען אַוועק צו דער קרעמאַטאָריע, אים איז געלונגען זיך אויסצובאַהאַלטן. צוזאַמען

מיט באַקאַנטע וואָלט אים געווען לייכטער. יעצט וועט ער דאַרפן גיין אין קרעמאַטאָריע איינער אליין. עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שרעק פאַר דער איינזאַמקייט, ווי עס האָט מורא אַ קינד איינצושלאָפן איינער אַליין אין אַ פינצטערער שטוב.

זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ס.ס.־מאַן:

— נעם אים אַריין אין דער פּעסל־וואַשעריי! — האָט ער באַפוילן, און ער איז זיי נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

לעבן די פענצטער האָבן פּעסל־וואַשער געריבן מיט בעזימלעך דאָס האָלץ פון די פּעסער פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק. זיי האָבן געשפּריצט מיט וואַסער. זייערע אַרויפגעשאַרצטע געזונטע הענט האָבן געאַרבעט מיטן גאַנצן כוח, זייערע אויגן האָבן געקוקט מיט פאַרזיכטיקע גניבהשע בליקן. זיי ווייסן אַז דער שוואַרצער טויט געפינט זיך יעצט אין דער פּעסל־וואַשעריי.

וואַצעק הערט יעצט נישט אויף צו אים צו שרייען מיט אַ גאַר אַנדערן קול:

— הורן־זון! קילעריבן האָט זיך דיר פאַרגלוסט צו גנבענען פון באַסיין?! באַלד וועסטו באַקומען קילעריבן!... — וואַצעק וואַרט אויפן פסק־דין פונעם אַלמעכטיקן שוואַרצן הערשער.

דער ס.ס.־מאַן שטייט, שוואַרצע אַרבלען פאַרלייגט אויף דער שוואַרצער ברוסט. ער קוקט אויף דער פליג וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער נעץ און אים קאַליע געמאַכט די הנאה פון שפּיל. ער באַטראַכט אים.

פונפאַרנט, אויפן הוט פון ס.ס.־מאַן, איז איינגעשטאָכן דער טויטן־קאָפּ־עמבלעם און קוקט צו מאָנין. ווען די דייטשן זענען אָנגעקומען קיין קאָנגרעסיאַ, איז אים געווען קאַלט ווי יעצט. ער האָט דעמאָלט געזען געשאָסענע יידן ליגן אויפן טראָטואַר לעבן זייער הויז. פּאַ האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, אַריינגעטראָגן אין הויז, אים אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט אין קינדער־צימער. צוויי קוכער גייען פאַרביי, טראָגן אַ געהויפטע טראַגע קילעריבן צו די קעסלען. קיינמאָל געפינט מען נישט קיין שטיקל קילעריב אין דער זופּ. בלויז וואַסער. די קוכער זעען אויס ווי אויסגעפּאַשעטע ריזן. רויטע פליישיקע באַקן. די קעסל־וואַשער רייבן און רייבן. וואָס איז דאָרט פאַראַן צו רייבן? די פעסער זענען דען נישט ריין?... דער ווייסער שראַם אויף דער גאָמבע פון ס.ס.־מאַן ציט זיך ביז צו זיין אויבערשטער ליפּ. אויף די אַרויסגעשטעלטע בילדער אין די פענצטער פון פּוילישע פאָלקס־דייטשן האָט היטלער פּונקט אַזאַ וואָנצע... פון שוואַרצן ס.ס.־מונדיר שלאָגט דער זעלבער ריח ווי פון די אויטאָמאָבילן. נישט די אויטאָמאָבילן וואָס ברענגען קילעריבן, נאָר די וואָס פירן צום קרעמאַטאָריע.

— ציל אים אַריין צען אַם־אַרש! — שיסט דער ס.ס.־מאַן אַרויס דעם

דער נאַץ [illegible] שפּיל. ער באַטראַכט
אים.

פונפאָרנט, אויפן הוט פון ס.ס.־מאַן, איז איינגעשטאָכן דער טויטן־קאָפּ־עמבלעם און קוקט צו מאָנין. ווען די דייטשן זענען אָנגעקומען קיין קאָנגרעסיאַ, איז אים געווען קאַלט ווי יעצט. ער האָט דעמאָלט געזען געשאָסענע יידן ליגן אויפן טראָטואַר לעבן זייער הויז. פּאַ האָט אים געכאַפּט אויף די הענט, אַריינגעטראָגן אין הויז, אים אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט אין קינדער־צימער. צוויי קוכער גייען פאַרביי, טראָגן אַ געהויפטע טראַגע קילעריבן צו די קעסלען. קיינמאָל געפינט מען נישט קיין שטיקל קילעריב אין דער זופּ. בלויז וואַסער. די קוכער זעען אויס ווי אויסגעפּאַשעטע ריזן. רויטע פליישיקע באַקן. די קעסל־חאַשער רייבן און רייבן. וואָס איז דאָרט פאַראַן צו רייבן? די פעסער זענען דען נישט ריין?... דער ווייסער שראַם אויף דער גאָמבע פון ס.ס.־מאַן ציט זיך ביז צו זיין אויבערשטער ליפּ. אויף די אַרויסגעשטעלטע בילדער אין די פענצטער פון פּוילישע פאָלקס־דייטשן האָט היטלער פונקט אַזאַ וואָנצע... פון שוואַרצן ס.ס.־מונדיר שלאָגט דער זעלבער ריח ווי פון די אויטאָמאָבילן. נישט די אויטאָמאָבילן וואָס ברענגען קילעריבן, נאָר די וואָס פירן צום קרעמאַטאָריע.

— צייל אים אַריין צען אַם־אַרש! — שיסט דער ס.ס.־מאַן אַרויס דעם גזר־דין.

דער ראַנד פון באַסיין איז צו הויך. מאָניס געזעס קומט נישט אויס געגנוג אויסגעבויגן, פאַרשריפט־מעסיק. וואַצעק מאַכט הכנות. ער גרייט זיך. פאַרמעסט זיך מיטן שטעקן איבערן געזעס. פּרוווט־אויס ווי אַ קאָנצערט־שפּילער דעם פידל פאַרן אָנהייב. וואַצעק דריקט אַראָפּ טיפער מאָניס קאָפּ איבערן באַסיין־ראַנד, און איז אַלץ נישט צופרידן. לסוף לויפט ער אַריין אין דער קאַרטאָפל־שיילעריי, ברענגט צו טראָגן אַ באַנק: אַט אַזוי. יעצט איז בעסער. יעצט זאָל ער ליגן, דער הורן־זון, אַרש — הוין, פאָרשריפט־מעסיק. קילעריבן האָט זיך אים פאַרגלוסט צו גנבענען!

וואַצעק גרייט זיך און גרייט זיך. עס נעמט נישט קיין סוף צו די הכנות. מעגלעך אַז ער האָפט טאָמער וועט דער ס.ס.־מאַן פאָרט שוין אַוועקגיין, און ס׳וועט אים אפשר געלינגען אָפּצוראַטעווען מאָנין, פאָרט אַן אַלטער העפטלינג. וואַצעק געדענקט אים נאָך ווען ער איז געווען „פּיפּל" ביי פראַנצלען. שוין באַלד אַ יאָר אין אוישוויץ. דאָס האַרץ לאָזט אים נישט הרגענען אַן אַלטן העפטלינג.

דער ס.ס.־מאַן רירט זיך נישט פון אָרט. ער שטייט מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט און וואַרט. ער וויל הנאה האָבן ביזן סוף פון שפּיל. וואַצעק ווערט אויפגערעגט. דאָס בלוט הייבט אין אים אָן אויף אַן אמת צו קאָכן: וואָס פאַר אַ פּילאַנטראָפּ איז ער דאָ פלוצלינג

געוואָרן? ער ווייסט שוין אויף געוויס אַז ס׳וועט דאָ גאָרנישט העלפן. נישטאָ קיין ברירה. ער וועט יעצט דאַרפן „פּאַרטיק מאַכן" די אַלטע קורווע. אויב אַזוי, זאָל דערצו נעמען שנעל אַ סוף. דער כעס צינדט זיך אין אים אָן. ס׳ברענט אין אים. ער ווייסט מער נישט אויף וועמען: צי אויפן קאַצעט, צי אויפן „פּיפּל" וואָס האָט זיך באַנאַרישט און מיט אייגענע הענט געבראַכט דערצו אַז ער, וואַצעק זאָל איצט דאַרפן פּאַרטיק מאַכן; אָדער אויף דעם שוואַרצן הורן־זון וואָס האָט זיך אַוועק־געשטעלט און וויל נישט אָפּטרעטן פון דאַנען און וועמענס באַפעלן ס׳איז שוין וואַצעקן נמאס געוואָרן אויסצופירן.

— ליג, הורן־זון! אין דיין מאַמעס מוטער! קילעריבן?!... קילע־ריבן?!... — נאַ דיר קילעריבן!...

וואַצעק זעצט מיטן שטעקן. זעצט און צילט. ער הייבט־אויף דעם שטעקן הויך, פאַרמעסט זיך, און לאָזט אים צוריק אַראָפּ ווי אַ שאַרפע האַק אינעם האָלץ אַריין. זיינע ציין זענען פאַרביסן. די אויגן פאַרלאָפן מיט בלוט. עס ברענט אין אים אַ פייער. ער ווייסט אַז די אַלטע קורווע וועט שוין מאָרגן ליגן אויף דער קופּע הינטערן בלאָק. דער ס.ס.־מאַן רירט זיך נישט פון אָרט. נישטאָ, הייסט עס, קיין ברירה. מען מוז אים פאַרטיק מאַכן. מען דאַרף נאָר זען אַז ער זאָל זיך דערנאָך נישט דאַרפן לאַנג פּייניקן — אויב אַזוי, אויב אַזוי, גאַדיר, הורן־זון, אין דיין מאַמעס מוטער אַריין!

וואַצעק זעצט מיט אַ רציחה, ווי נישט מאַני, נאָר דער ס.ס.־מאַן וואָלט יעצט געלעגן אויף דער באַנק, און וואַצעק לאָזט צו אים יעצט אויס דעם גאַנצן אָנגעלאָדענעם קאַצעטישן כעס: סיי פאַר זיינע דריי יאָר אוישוויץ, סיי פאַר זיין כלה וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אינעם דאָרף הינטער זאַמאָשטש און די דייטשן ליגן מסתמא מיט איר יעצט אין בעט...

— קילעריבן?! קילעריבן?! נאַ דיר קילעריבן!

געענדיקט דאָס שלאָגן.

די פעסל־וואַשער האָבן אָנגעהויבן אַרויסכאַפּן די פעסער וואָס הייקן זיך אין איינעם פון די באַסיינען. יעצט דאַרף מען דעם געשלאָ־גענעם אונטערטונקען אין קאַלטן באַסיין־וואַסער. אוישוויצער מנהג.

דאָס וואַסער האָט פון אים געטראָפּט. ער איז אַרויסגעלאָפן פון דער קיך. ער איז געלאָפן איבערן לאַגער־וועג. העפטלינגס האָבן זיך ... האָט קיינעם מער נישט געזען. ער האָט

— קילעריבן ?! קילעריבן ?! נאַ דיר קילעריבן! געענדיקט דאָס שלאָגן.

די פּעסל־וואַשער האָבן אָנגעהויבן אַרויסכאַפּן די פּעסער וואָס הייקן זיך אין איינעם פון די באַסיינען. יעצט דאַרף מען דעם געשלאָגענעם אונטערטונקען אין קאַלטן באַסיין־וואַסער. אוישוויצער מנהג.

דאָס וואַסער האָט פון אים געטראָפּט. ער איז אַרויסגעלאָפן פון דער קיך. ער איז געלאָפן איבערן לאַגער־וועג. העפטלינגס האָבן זיך געדרייט אַראָפּ און אַרויף. ער האָט קיינעם מער נישט געזען. ער האָט נישט געוווסט אויב די קלעפּ פאַלן נאָך אויף זיין לייב אָדער נישט. ער האָט שוין מער גאָרנישט געפילט. די קלעפּ האָבן אים אָנגעפולט און אים געטריבן ווי עס טרייבט אַן אָנגעצויגענע ספּרוזשינע אַ ליידיקן שפּילצייג. ווי באַלד דער דרוק פון דער ספּרוזשינע וועט אויפהערן, וועט דאָס שפּילצייג בלייבן ליגן אויף דער ערד, ליידיק. טויט. דער הימל האָט זיך געוויקלט מיט העלע וואָלקנס ווי שוימיקע כוואַליעס אונטער זיינע פיס. די שפּיצן פון די וואַך־טורעמס זענען געווען איבערגעקערט און האָבן אַראָפּגעשטעקט פון הימל צו דער ערד. איבערגעקערטע ס.ס.־מענער זענען דאָרט געזעסן און געהיטן די וואָלקנס. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער לויפט איבער די שיפּע דעכער פון די בלאָקן.

אין בלאָק האָבן הונדערטער, הונדערטער נייע העפּטלינגס זיך געדרייט אַהער און אַהין. זיי האָבן געראַיעט אין אַלע ווינקלען און אין אַלע פּריטשע־לעכער. ס'איז געווען אַ גערויש. ער האָט נישט געדענקט ווען און ווי אַזוי ער איז אַהער אַריין. קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

ער האָט זיך אַוועקגעלייגט. ער האָט נישט געפילט דאָס האַלץ פון דער פּריטש אונטער זיך. ער האָט נישט געדענקט ווען ער האָט זיך דאָ אַוועקגעלייגט. ער האָט נישט געשפּירט צי ער ליגט. עס האָט זיך אים געדאַכט אַז ער שווימט ערגעץ אין דער לופט פון אַן אומענדלעכן הויפּט־שאָסיי.

ס'איז אַ גערויש. אָט איז דער בלאָק פול, און אָט איז ער ליידיק, אָט שווימט ער אַרויס פון דער ליידיקייט צו אַ פולן רוישיקן בלאָק, און אָט באַלד ווידער — ליידיק. מטושטש. בלויז ווייט פון די הימלען קוילערן זיך קלעפּ ווי עס וואָלט געדונערט. איינציקווייז ווערן די קלעפּ שטאַרקער, שטורעמדיקער. שוואַרצע מונדירן שווימען אַרויס פון די

לאַסטעט מיט דער משפחה־מענטאַליטעט פון דורות.

און דאָך איז די היינטצייטיקע יידישע פאַמיליע שטאַרק דערשיטערט דורכן שטורעם פון דער תקופה. און ביידע צדדים, ווי דער מאַן אַזוי די פרוי, קאָנען נישט און ווילן זיך נישט איינשפּאַנען אין אייביקע פאַמיליען־פליכטן און איי־

•••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••••

## ק. צעטניק — המשך פון זייט 13

וואָלקנס, שוואַרצע אַרבל פאַרלייגט אויף דער ברוסט, און הינטער זיי דונערט:

— קילעריבן ?!... קילעריבן ?!... קילעריבן ?!...

אַ געלויף פון די פריטשעס. אַלע לויפן פון בלאָק־טויער. שטובן־דינסט שרייען אין די פריטשעס אַריין: „אַפּעל !“... „אַפּעל !“... פאַר־וואָס האָט ער נישט געהערט דאָס קלאַפּן אינעם גאָנג ? ביים ערשטן געשריי „אַפּעל“ לויפן די פיס פון אַן אַלטן העפטלינג פון זיך זעלבסט. ער וויל זיך אויפשטעלן, נאָר אייזערנע רייפן קלאַמערן אים צום האַלץ פון דער פריטש. „גיב אים צען אַם־אַרש“ !... האָט זיך נאָך אַ שטיקל פון צעריסענעם זכרון ביי מאָניען אָפּגעזוכט: ער האָט באַקומען צען־אַב־אַרש... אָט וואָס עס האָט מיט אים פּאַסירט. מען וועט אים אַוודאי באַלד אַרויסשלעפּן צו דער קופּע הינטערן בלאָק...

— אַפּעל !... אַפּעל !...

אין בלאָק ווערט שטיל, ליידיק. שטובן־דינסט קאָנטראָלירן אין אַלע ווינקלען. זיי דערנענטערן זיך צו זיין פריטש. זיי כאַפּן אים ביי די פיס. שלעפּן אים.

— לאָזט מיך, — האָט מאָני זיך ביי זיי געבעטן — איך לעב נאָך. וואַרפט מיך נישט הינטערן בלאָק. איך בין דאָך מאָני, אַן אַלטער העפט־לינג, געוועזענער פּיפּל...